קינדערגארטן
בעזהשי"ת
ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר - קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן







## ✪ כי תבא - די מצוה פון ביכורים

אין די וואכעדיגע סדרה דערציילט מיין רבי וועגן די חשובע מצוה פון ביכורים. אז די ערשט געצייטיגטע פרוכט דארף מען ארויף טראגן אין ירושלים און געבן פארן כהן. ער זאגט מיר אויך אז די מצוה לערנט אונז אויס צו האבן די מדה פון הכרת הטוב – זאגן אלעמאל א יישר כח...

ער דערציילט מיר אז אלע אידן האבן באקומען א פעלד און ארץ ישראל, (אויסער שבט לוי) אין וועלכע עס איז געוואקסן אלע גוטע זיסע פרוכטן, אזוי ווי אונזער שיינע פעלד וואס אונז האמיר און חדר וואס וואקסט פיינע זאכן.

### אבער וואס מיינט דאס "ביכורים"?
### און וואס מיינט דאס ערשט געצייטיגט פרוכט?
### וואס מיינט א קארב?




(פאר די גרעסערע קינדער) מיטוואך ווען מיר קומען זיך צוזאם אין לאנט"ש רום הערן מיר וויאזוי עס וואקסט א פרוכט פון ווען עס איז נאך קליין, ביז עס באקומט דעם שיינעם קאליר און דעמאלס ווערט די פרוכט געצייטיגט – פערטיג. מיר זעהן א איד אברהם אלי' איינדיג נ"י – **ישכר דוב הײלברוין** נ"י – **יודא גאלדבערגער** נ"י גייען צו צו א בוים, קריכן ארויף אויף די לייטער און קוקן גוט אויב זיי זעהן א פרוכט וואס איז שוין געצייטיגט. ווען זיי טרעפן א געצייטיגטע פרוכט, און אלע קינדער זעהן אז ס'איז א געצייטיגטע פרוכט, לייגן זיי ארויף א בענדעלע אויף די פרוכט מ'זאל וויסן אז די זענען געווארן ערשט געצייטיגט.

נאכדעם זענען געקומען **שלו' אליעזר ווייס** נ"י און **יצחק ליכטמאן** נ"י און **ברוך פריעדמאן** נ"י און האבן אראפ גענומען אלע ערשט געצייטיגטע פרוכט פונעם בוים און האבן דאס אריין געלייגט אין א קארב. (בעסקעט)



### וואס טוט מען מיט די קארב?

נאכדעם הערן מיר זיך שיין צו ווי שיין וויאזוי מ'האט באצירט די קארב מיט בלומען. זייער אינטערעסאנט איז געווען ווען מיר האבן געזעהן א הערליכע שיינע ווייסע **טויבעלע** ארויף געלייגט ארויף די קארב. (די קינדער פרעגן אויב ס'איז א עכטע טויבעלע?)

דערנאך קומט א אינגל **משה לעווינגער** נ"י און הייבט אויף די קארב און ער טראגט עס פאר די סאך כהן'ס וואס זענען דארט געשטאנען, און זיי האבן אויפגעהויבן די קארב זייער הויעך...

אלע כהנים האבן באקומען א פרוכט פון די ביכורים און אויך אסאך קינדער וואס זענען געזיצן שיין די גאנצע צייט... האבן אויך באקומען פון די פרוכטן.

נאכדעם האבן מיר געזעהן ווי מענדי פאסטערנאק נ״י האט געבלאזן מיט זיין שופר אזוי ווי א פראפעשענעל בעל תוקע. ער ווייסט אפי׳ צו קלאפן אויפן שופר אויב די שופר מאכט טראבל... ער קען מאכן אזא לאנגע תקועה גדולה.... האפענטליך ביז ראש השנה וועלן מיר זיך אלע גוט אויסלערנען וואס דאס מיינט א תקועה, שברים תרועה, תקועה גדולה.

## ✪ מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט
א הערצליכן מזל טוב פאר המלמד החשוב
מו״ה **אלי׳ ראטה** שליט״א
צום געבורט פון א אייניקל נ״י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך געזונטעהייט עמו״ש

## ✪ מעסעדש פון די וואך

צו די מאמע וואס האט געלאזט א מעסעדש וועגן די גרינע פעינט. ביטע זיך פארבונדן מיט אונז און לאזן א נומבער ווי מ׳קען צוראיק רופן. מיר האבן עטליכע ערליי פעינט, און מיר וואלטן געוואלט וויסן וועלכע עס שאפט א פראבלעם.

א דאנק

## ✪ רעגעסטראציע שוין געענדיגט

חשובע עלטערן שיחיו

אזוי ווי די אלול רעגעסטראציע האט זיך שוין געענדיגט ווילן מיר זיך ערשט באדאנקן פאר די אלע חשובע עלטערן שיחיו וואס האבן שוין ארויס געגעבן די אייטריט קארטל און מיט דעם גרינגער געמאכט פאר אונז די הנהלת הקינדערגארטן זיך צו קענען אפגעבן מיט וויכטיגערע זאכן פאר די טובה פון די קינדערלעך. און אין די זעלבע צייט ווילן מיר גאר שטארק בעטן די וואס האבן נאכנישט געהאט די גילעגנהייט דאס צו ארלעדיגן, ביטע זעהט וואס פריער דאס צו מסדר זיין מיט דעם שכר לימוד אפיס נאך איידער מיר זענען מסדר די קלאסן אויף די קומענדיג יאר.

חשובע עלטערן שיחיו
מיר בעטן אייך
**נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם פי״ן פאר אייער אינגעלע**
**איעדן איינציגן טאג**
ביטע נעמט אין אכט אז עס גייען אהיים היינט צו טאג פון קינדערגארטן קנאפע
**אכט הונדערט קינדערלעך קיע״ה**
נ.ב. אויב האט אייער קינד פארלוירן זיין פי״ן, ביטע שיקן דריי דאללער, וועט ער באקומען א נייע פי״ן.

# זיסע חכמה'לעך

✪

**משה** איז געווען שבת אין וויליאמסבורג און ער האט געזעהן אסאך פארטשע"ס, האט ער יעדע מאל געוויזען די געי"ט וואס מ'האט געמאכט וויל אזוי שטייט אין די סדרה....
אויך זאגט ער אז ער מאכט א "אלול ברכה"
"ברוך אתה ד' אלול אני מלך העולם"....

✪

**חיים הערשקאוויטש** זאגט אז ער וויל העלפן לכ' שבת. זאגט אים די מאמע אה! חיים גייט העלפן לכ' שבת? זאגט ער " איך גיי נישט העלפן – איך קען אליינס!"...

✪

ווען מ'האט פארהערט די שאלות די וואך, האט מען אים געפרעגט, מעג מען ווי טוהן א אנדערע אינגל? און וואס דארף מען טוהן אויב מ'האט אים ווי געטאן? מעג מען שלאגן? מעג מען גראדשענען? האט מען אים ווייטער געפרעגט וואס דארף מען טוהן אויב מ'האט געגראדשעט? זאגט ער "מ'דארף אים אפשערן די נעגל"......

✪

**אשר לעמל ווייס** האט זייער שיין געזאגט די א"ב און געלעקט די האניג. ער איז נאר אביסל אנטוישט "פארוואס ער איז נאכנישט אזוי גרויס ווי זיין ניין יעריגע ברודער? ער האט דאך שוין פיאות"....

✪

**ישראל דוד אבערלענדער** (א פרי נורסערי אינגל) זיין רבי האט געזאגט ביים קאלערן קיינער טאר נישט (אריבער) מישן, טעהנ'ט ישראל דוד "יעצט איז נישט פסח"....

✪

**אשר לעמל** האט נישט אהיים געברענגט זיין סדרה צעטל. ער זאגט "ס'קען נישט זיין אזוי שבת"... ווען מ'איז צוריק אין חדר און דער מענידשער האט געגעבן א נייע. "יעצט קען שוין זיין שבת".. (ער איז נישט געווען דאנערשטאג אין חדר מ'האט אים אפגעשווירן)

✪

**נסים יוסף דאנא** האט געזעהן ווי זיין מאמע שטיפט ארויס פון די פענסטער א גרויסע חי' (ספיידער) האט ער געפרעגט "אה! מאמי דו שיקסט אוועק די מאמע חי' אז דו זאלסט קענען נעמען די קינדער? די אייערלעך? מיין רבי זאגט אז קודם דארף מען אוועק שיקן די מאמע פייגל נאכדעם מעג מען נעמען די קינדער"...